# ליכטיגע מאמענטן

פון: י.ז. הכהן

און די חסידישע היסטאריע איז באקאנט די נסיעה פון דעם הייליגען תפארת שלמה קיין צאנז אויף שבועות, ווי ער איז געקומען צו פארן - אויף די עלטערע יארן - מיט הונדערטער חסידים אויף יו"ט שבועות תרכ"ג,

מוצאי יו"ט: דער ראדאמסק'ער רבי גרייט זיך צו געזעגענען, און דער הייליגער דברי חיים בעהט ער זאל בלייבן ביז ח"י סיון, **לשון קדשו: "דער מתן תורה יריד ציהט זיך ביז ח"י סיון"** און דער תפארת שלמה איז טאקע געבליבן נאך א וואך, כבקשתו.

**ח"י סיון** איז די יארצייט פון דעם צאנזער רב'ס מאמע, הרבנית הצדיקת מרים ע"ה, און דער הייליגער דברי חיים פלעגט זאגן: <u>אז זיינע מדריגות האט ער דערגרייכט און איר זכות</u>, און ער קען פועל'ן גרויסע ישועות דעם טאג.

ווען די שורות ווערן געשריבן און געלייענט, האלטן מיר שוין ביים סוף יריד, (ח"י סיון איז שב"ק - בהעלותך) עכ"ז לא פג טעמו של יום טוב שבועות אין קרית יואל, בצילו פון רבינו שליט"א און רובו ככולו פון סאטמארע חסידים.

צו באשרייבן דעם יום טוב, איז רחוק מן המציאות, אונזער תפקיד איז, מיטצונעמען געננוג אמיוניציע זעך צו דערהאלטן ביז קומענדיגען יו"ט, ווי דער פסוק זאגט: **כי תלכו...לא תלכו ריקם**, מיר וועלן פרובירן ארויסברענגען עטליכע <u>ליכטיגקייטן</u> וואס האבן ארויסגעשיינט במשך דעם יו"ט.

**תערוך לפני שלחן**, דער רבי קומט אריין צו דעם טיש שוין ביי די צווייטע אשמורה, דער ביהמ"ד איז מלא על גדותיו, קיינער וויל נישט פארפאסן דעם עת רצון, דער טיש פיהלט זיך ערגעץ צווישן אן ערב יו"כ טיש און א הושענה רבה טיש, דער ציבור שוועבט אין א העכערע אטאמספערע, די הערצער זענען אפען, די ניגונים פון **והאר עינינו** און **לב טהור** ווערן איבערגעזינגען מערערע מאל, ווייל דער ציהל איז צו פארשטיין די פירוש המילות און זיך פארטיעפן אין די פסוקים, די לופט ווערט אנגעוואראמט, ס'פעלט נישט אויס צו פארלעשן די לעקטערס, ס'גיסן זיך טרערן פון יעדן איינעם, מען בעהט פאר זיך, פאר די קינדער, פאר די אייניקלעך, זיי זאלן אויסוואקסן זרע ברך ד'.

נאך דעם טיש, האט יעדער די זעלבע הרגשה, <u>די שפעזן האבן זיך אויסגעצאלט</u> ווייל ארויספארן אויף יו"ט איז א גרויסע טירחה, בגוף ובממון, און נאך די ערשטע נאכט, זאגט יעדער: <u>יא ס'האט זיך געלוינט</u>!!!

**אלכסדריא של מצרים**, פארציילט די גמרא און מס' סוכה, אז דער היכל איז געווען זייער גרויס, און דער מנהג איז געווען, אז דער חזן/שמש האט געפאכעט מיט א פאטשיילע צו לאזן וויסן ווען צו זאגן אמן, מיר ווייסן נישט די סק' פוס פון דארט, אבער דער ביהמ"ד אין קרית יואל מיט אלע פליגלען און גאלעריען, פארוואנדעלט זיך אין א ריזיגן מקום תפילה, תלי"ת אז מ'האט געהערט דער רבין'ס קול התפילה וקריאה, הויעך און קלאר, פון עד הנה ביז נאך קריאת התורה, אריינגערעכנט די הויכע שמו"ע, הלל און אקדמות.

א אינטערעסאנטער פאראדאקס, מ'האלט נאך אנהייב שחרית, דער היכל ה'ביהמ"ד איז שוין פוהל, דער פארטש איז פוהל, דער היכל התורה איז אויך פוהל, די מקוה נאך גאנץ פוהל (אידן וואס האבן פארגעסן צו רוקן דעם זייגער...מסתמא) דער עולם שטראמט נאך צום בנין הבימ"ד, היכן יכנס...ווי וועלן די אלע מענטשן זיך אריינקוועטשן? מוז זיין אז די ניסים פון הר סיני בשעת מתן תורה, שפילן זיך איבער יערליך בשעת קבלת התור.

א ספעציעלען דאנק פאר די קהילה פארן צושטעלן מידי דמיזן, קידוש צו מאכן פאר דעם ברייטן ציבור, ס'ווערט צוגעשטעלט מזונות מיט אלע צוגעהערן, אלעס אחוץ...צייט!!! <u>צייט קידוש צו מאכן גיבט מען נישט</u>, ווייל נאכן יום, איז גלייך אתה הראת, די איינציגסטע מינוטן וואס מ'קען אפזינגען דעם אלה מועדי, איז פון נאך גדלו ביז די ס"ת קומט אן צו די בימה.

**קרעפל פשעטיל**, גלייך נאך מוסף, (3:30 בערך) דער אויבענאן ווערט צוגערייט אין די איילעניש, דער רבי מאכט קידוש, טועם די מזונות, און הייבט אן די פשעטיל מיט א חיות דקדושא, דער רבי הייבט אן מיט א גמרא און ברענגט צו מראי מקומות פון ש"ס, און בויעט גג על גג במלחמתה של תורה, א ציבור פון קרוב צו טויזענט אידן זיצן נאך מיט די טליתים אויף די פלייצעס, און זענען זיך מתענג מיט די בליציגע געדאנקען, און האלטן מיט, ווי די קשיות און סתירות ווערט פארענטפערט, פון די מקורבים הערן מיר, אז דער פשעטיל איז נישט וואס דער רבי האט זיך פארגעברייט פאר יו"ט, דאס האט דער רבי היינט מחדש געווען, און בעפארצוגט ווייל ס'איז מחודש געווארן אום יו"ט.

**לימוד התורה**, דער רבי האט אויפגעפאדערט אז דעם צווייטן טאג, זאל מען אויסניצן די צייט, פארן דאווענען מיט לימוד התורה, דער זמן איז אראפגעשטעלט אויף 8:30, צוויי שעה ביז שחרית, איין פראבלעם: דער היכל התורה איז שוין געווען פוהל היפש פאר אכט אזייגער, ביז 9:00 איז דער גאנצער בנין, דער צענטראלער ביהמ"ד, די פליגלען, אלעס איז געווען פוהל מיט לומדים.

**התאחדות אברכים - נוסח קרית יואל**, האט צוגעשטעלט הונדערטער גמרות פאר יעדע חבורה, אין אויך יעדע מסכת וואס ישיבה בחורים לערנען, ס'זאל זיין גענוג פאר דעם ציבור, ס'איז געווען א מחזה הוד, צו זעהן ווי אידן גרייטן זיך צו דאווענען מיט בלעטער גמרא, אינאיינוועגס מקיים געווען דעם מאמר חז"ל, (ברכות ל') ר' אמי ור' אסי........לא הוו מצלי אלא ביני עמודי דהוו גרסי'.

אגב א ווארט וועגן דעם היכל התורה, וואס איז געווען א חידוש בשעת איר גרינדונג, און עד היום א חידוש, ווען מען קומט אריין זעהט מען די חידושים און כוחות וואס מען לייגט אריין, ס'זאל זיין אן אכסניא של תורה, די ספרים ווערן כסדר אוועקגעפאקט, דער היכל געזויבערט, צו פאריזיכערן א רואיגער מקום תורה, א שטאב מיט עסקנים שטייען גרייט, ומשמרתם ביד איתמר.

**בצאת מן הקודש**, מיט דערהויבענע געפיהלן און מיט א שמחת התורה פרייד מען זיך אשרינו שזכינו, בשעת נעילת החג, איז דער רבי מעורר צו נעמען די קבלת התורה צום נעקסטן שטאפל, און זיך אנשליסן אין די תורה חבורות, ווי אויך האט דער רבי מעורר געווען אויף דברים הנחוצים בשעת כל הקהל שטייט איינגעזאמלט אויפן חצר הביהמ"ד, בלייבט איבער צו מסיים זיין מיט איין נקודה.

**כי מציון תצא תורה ודבר ד' מ'קרית יואל**.